Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Direction Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אָבֿ/אויגוסט 2002

יאָר 7, נומער 5 (35)

# אונטער די שטערן

דער דאָזיקער נומער פֿונעם *טעם־טעם*, דער „וואַקאַציע־נומער", איז געווידמעט[1] די שטערן. שטערן קען מען באַטראַכטן פֿון פֿאַרשיידענע קוקווינקלען : פֿילאָסאָפֿיש, פּאָעטיש, אַסטראָנאָמיש אָדער אַסטראָלאָגיש. נו, זאָל זײַן אַסטראָלאָגיש ! האָט נישט קיין מורא[2], מיר וועלן אײַך נישט געבן קיין „האָראָסקאָפּ" ווי אַנדערע זשורנאַלן – ס'איז שווער צו געפֿינען אַ פֿאַרלאָזלעכן[3] ייִדיש רעדנדיקן וואָרזאָגער[4] אויפֿן מאַרק הײַנט צו טאָג... אָבער, ווי איר וועט זען, האָבן ייִדן אַ סך געשריבן און דיסקוטירט און אַפֿילו[5] זיך געקריגט איבער אַסטראָלאָגיע.

וואָס האָבן שטערן צו טאָן מיט וואַקאַציעס ? זומערצײַט איז מען אָפֿט אין דרויסן, בײַ נאַכט איז וואַרעם, דער הימל גלאַנצט און מען קוקט צו די שטערן. אַלע מאָסן[6] ענדערן זיך און מע ווערט אַ שטיקל פֿילאָסאָף. ס'איז אַ צײַט פֿון פֿרעגן, וואָס קען פֿירן צו אַ רויִקייט – אָדער, פֿאַרקערט, צו אַ גרויסער אומרו. ס'איז אַ צײַט פֿון פֿאַרגעסן און אַ צײַט פֿון דערמאָנונגען ; אַ צײַט ווען מע פֿאָרט אַוועק פֿון דער היים און ווען מע טרעפֿט זיך מיט נײַע אָדער מיט לאַנג ניט געזעענע מענטשן. ס'איז אַ צײַט ווען מע קען זיך אויסלייזיקן פֿון די טאָגטעגלעכע צרות[7] און זיך אָנפֿילן מיט אַ נײַער ענערגיע. זומער איז ווי אַן איבעררײַס צווישן דעם פֿאַרגאַנגענעם און דעם קומענדיקן יאָר, און מיר ווינטשן זיך אַוודאי[8] אַז דאָס נײַע יאָר זאָל האָבן אַ גוט מזל[9] !



נו, אַחוץ[10] אָנקוקן די שטערן, וואָס טוט מען בעת[11] די וואַקאַציעס ? פֿאַראַן מענטשן וואָס וואַרפֿן זיך[12] אַנטדעקן פֿאַרשיידענע לענדער אָדער נעמען זיך צו נײַע אַקטיוויטעטן. אַנדערע האָבן הנאה[13] פֿון פּוסטעפּאַסעווען[14] און ליידיקגיין[15]. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס קענען גלײַך אָפּלאָזן די האָרעוואַניע[16] פֿון אַ גאַנץ יאָר און זיך אויסציִען[17] אין אַ ליגשטול[18] אויף דער זון. אַנדערע קענען זיך נישט אָפּשטעלן פֿון דער אַרבעט, ווי דער סטודענט וואָס האָט אונדז געשריבן וועגן זײַנע וואַקאַציעס.

און וואָס מיינט וואַקאַציעס פֿאַר אײַך ?

1. dédié/dedicated 2. MOYRE peur/don't be afraid 3. fiable/reliable 4. diseur de bonne aventure/fortuneteller 5. AFILE même/even 6. proportions 7. TSORES soucis/troubles 8. AVADE bien sûr/of course 9. MAZL chance ; étoile/luck; star 10. à part/besides 11. BEYS pendant/during 12. se précipitent/rush 13. HANOE plaisir/pleasure 14. traîner sans rien faire/lazing 15. paresser/going about idle 16. labeur/labor 17. se prélasser/strech out 18. chaise longue/lounge chair.

# וואַקאַציעס פֿון אַ סטודענט

## פּאָל לערואַ, אַ ייִדיש־תּלמיד[1] פֿונעם ערשטן יאָר האָט אונדז געשריבן וועגן זײַנע וואַקאַציעס.

ווען מען ענדיקט דאָס שוליאָר האָט מען געוויינטלעך[2] אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן צו טאָן : זאַכן וואָס מע האָט נישט געקענט טאָן ווען מען איז געווען אין אוניווערסיטעט. למשל[3] : מע וויל זען אַלע חבֿרים[4] וואָס מע האָט פֿאַרגעסן ווען מע האָט זיך געלערנט. פֿרײַ פֿון אַרבעט, קען מען באַזוכן ערטער פֿון דער אייגענער שטאָט וואָס מע קען נאָך ניט. אָפֿט מאָל איז דאָ אַ מסיבה[5] בײַ אַ פֿרײַנד אָדער בײַ אַ תּלמיד פֿון שול. איצט מוז איך דערציילן מײַן פּראָבלעם מיט וואַקאַציעס : ווען די עקזאַמענס ענדיקן זיך, קען איך ניט בלײַבן רויִק. אַרבעט איז פֿאַר מיר אַ ביסל ווי וויסקי פֿאַר אַנדערע – עס איז ניט אײַנפֿאַך צו אַנטלויפֿן פֿון אַ גוטער זאַך. אָבער איך וויל אויך טאַנצן און טרינקען מיט חבֿרים ווען עס איז דאָ אַ סעודה[6] אין דער געגנט, אָדער אַ קאָנצערט אויף דעם „מוזיק־יום־טובֿ[7]". יעדער טאָג ווער איך מיד פֿון אַרבעט און מסיבות. און ווען מען איז מיד קען מען ניט מער אַרבעטן. נו, יעדער טאָג שטודיר איך ווייניקער. צום סוף[8] פֿון די וואַקאַציעס טו איך ניט מער ווי שלאָפֿן און שפּילן מיט מײַן קליינעם ברודער.

1. TALMID élève, étudiant/pupil, student 2. d'habitude/usually 3. LEMOSHL par exemple/for example 4. KHAVEYRIM amis/friends 5. MESIBE fête/party 6. SUDE repas de fête/festive meal 7. ...-YONTEV fête de la Musique/«musicfest» French national day of music (June 21st) 8. ... SOF à la fin/in the end.

# אַסטראָלאָגיע

די ייִדישע טראַדיציע האָט שטענדיק געהאַט אַ טאָפּעלן[1] קוק אויף אַסטראָלאָגיע. פֿון איין זײַט האָבן זיך די רבנים[2] שטאַרק קעגנגעשטעלט[3] שטערנזעערס[4] און וואָרזאָגערס[5], האַלטנדיק אַז דאָס איז נאָענט צו געצנדינערײַ[6]. אין ספֿר דבֿרים[7] זאָגט משה רבינו[8] צו די קינדער פֿון ישׂראל[9] :



פּראַגמענט פֿונעם געמאָלטן סופּיט פֿון דער כאָדאָראָווער שיל (אוקראַיִנע), געבויט אין 1651

„און אַז דו וועסט אויפֿהייבן דײַנע אויגן צום הימל, און זען די זון און די לבֿנה[10] און די שטערן, דעם גאַנצן חייל[11] פֿון הימל, זאָלסטו נישט אַראָפּגעפֿירט ווערן, און זיך בוקן[12] צו זיי, און דינען זיי [...]“ (דבֿרים ד:19).

פֿון דער אַנדערער זײַט געפֿינען מיר אין דער גמרא[13] און די מדרשים[14] אַ סך אָפּרופֿן[15] אויף שטערן און פּלאַנעטן און אויף זייער אײַנפֿלוס אויפֿן מענטשלעכן גורל[16]. מע נעמט אָן[17] אַז יעדער מענטש האָט זײַן מזל, דאָס הייסט, זײַן שטערן, און מענטשן וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אונטער דעם זעלביקן שטערן האָבן אַ געוויסע קרובֿהשאַפֿט[18]. די חז״ל[19] דערמאָנען אַסטראָלאָגישע פֿאָרויסזאָגן וואָס זענען מקוים געוואָרן[20]. פֿון דעסט וועגן[21] וואָרענען[22] זיי פֿאַרן גלייבן אין די מזלות[23], און זאָגן אַז ייִדן טאָרן ניט פֿרעגן וועגן דער צוקונפֿט בײַ אַסטראָלאָגן. מע זאָגט אַז אַלע פֿעלקער האָבן זייער מזל, אַחוץ[24] ישׂראל. אין דער גמרא שטייט : „אין מזל לישׂראל“[25]. דאָס הייסט אַז בלויז גאָט (און נישט די שטערן) האָט אַ שליטה[26] איבער דעם פֿאָלק ישׂראל.

אין מיטלעלטער איז דער גלויבן אין אַסטראָלאָגיע געווען זייער פֿאַרשפּרייט[27] צווישן ייִדן. באַוווּסטע תּלמידי־חכמים[28] און פֿילאָסאָפֿן ווי אבן עזרא[29], שלמה אבן גבֿירול[30], און אַ סך מקובלים[31], האָבן געגלייבט אַז די שטערן האָבן יאָ אַ השפּעה[32] אויף אונדזער לעבן. גלײַכצײַטיק אָבער האָבן זיי געזאָגט אַז דער מענטש האָט בחירה[33]. אויב ער וויל קען ער זיך באַפֿרײַען פֿון דער ווירקונג פֿון די שטערן דורך זוכן גײַסטיקע שלמות[34].



▸ רמבם (1135-1204)

דער גרעסטער קעגנער פֿון אַסטראָלאָגיע איז געווען דער רמבם[35], וואָס פֿאַר אים איז עס געווען הוילע[36] איבערגלייבענישן[37] און נאַרישקייטן. אָבער אַפֿילו נאָך אים האָבן אַזעלכע באַוווּסטע רבנים ווי דער מהרל פֿון פּראָג[38] און דער ווילנער גאון[39] זיך אויך אינטערעסירט מיט די שטערן און זייער ווירקונג אויפֿן מענטשלעכן גורל.

1. double 2. RABONIM rabbins/rabbis 3. se sont opposés/opposed 4. astrologues/stargazers 5. voyants/fortune-tellers 6. idolâtrie/idol worship 7. SEYFER DVORIM Deutéronome/Deuteronomy 8. MOYSHE RABEYNE Moïse/Moses 9. YISROEL 10. LEVONE lune/moon 11. KHAIL armée (multitude) céleste/heavenly hosts 12. te prosterner/bow down 13. GEMORE Guémara, Talmud/Gemara, Talmud 14. MIDROSHIM légendes post-talmudiques/post-talmudic legends 15. références 16. GOYRL destin/destiny 17. on suppose/it is assumed 18. KROYVESHAFT parenté/kinship19. KHAZAL nos sages/our sages *abrév. de/abbrev. of* חַכָמֵינוּ זִכרוֹנָם לִבְרָכָה KHAKHOMEYNU ZIKHROYNEM LIVROKHE nos sages, bénie soit leur mémoire/our sages of blessed memory 20. MEKUYEM … se sont réalisés/came true 21. néanmoins/nevertheless 22. mettent en garde/warn 23. MAZOLES *ici* étoiles/*here* stars pluriel de/of מזל MAZL 24. AKHUTS excepté/except for 25. EYN MAZL LEYISROEL 26. SHLITE pouvoir/power 27. répandu/widespread 28. TALMIDE-KHAKHOMIM sages 29. IBN EZRA Abraham ibn Ezra (1092-1167) 30. SHLOYME IBN GVIRL Salomon ibn Gabirol (1020?-1057?) 31. MEKUBOLIM cabalistes/cabalists 32. HASHPOE influence 33. PKHIRE libre arbitre/free will 34. … SHLEYMES chercher la perfection spirituelle/seeking spiritual perfection 35. RAMBAM Maïmonide/Maimonides (1135?-1204) 36. purs/pure 37. superstitions 38. MAHARAL Rabbi Yehoudah Loew, Maharal de/of Prague (1520?-1609) 39. …GOEN gaon de/of Vilno Eliyah ben Solomon Zalman (1720-1797).

## שמעונס שמועסן[1] פֿון שמעון נויבערג (נומער 4)

הײַנט איז אונדזער אַנאַגראַם־שפּיל אַ שפּיל מיט שפּריכווערטער – אפֿשר ניט פֿון די סאַמע באַקאַנטסטע... און דערצו נאָך : אין 15 ווערטער זענען די אותיות[2] אַזוי צעמישט אַז עס באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער וואָרט. געדענקט אַז :

פֿון אַן **אַ** קען ווערן אַן **אָ**, פֿון אַ **צ** אַ **ץ**, און אַזוי ווײַטער !

זעט צי איר קענט לייענען די־אָ נײַן שפּריכווערטער און דערבײַ פֿאַרריכטן[3] די פֿופֿצן צעמישטע ווערטער ! כּדי צו פֿאַרגרינגערן די אַרבעט האָט מען זיי פֿאַרשוואַרצט. ◁

# די צוועלף מזלות

ד אָס ערשטע ייִדישע ווערק וואָס דערמאָנט די צוועלף מזלות איז ספֿר יצירה[1]. די נעמען זײַנען איבערגענומען פֿון לאַטײַן. יעדער איינער איז פֿאַרבונדן מיט די צוועלף חדשים[2], אָבער אויך מיט צוועלף טיילן פֿון קערפּער, מיט געוויסע אותיות פֿונעם אַלף־בית[3], און מיט די צוועלף שבֿטים[4]. מען פֿאַרייִדישט נאָך מער זייער באַטײַט מיט פֿאַרשיידענע אַגדות[5], למשל[6], די תּאומים (צווילינג) שטעלן מיט זיך פֿאָר[7] דעם צווילינג יעקב און עשׂו[8], דער טלה (באַראַן) דערמאָנט די עקדה[9], און מאָזנים (וואָגשאָלן) איז חודש תּישרי[10] ווײַל דאָס איז דער חודש פֿון משפּט[11]. מע געפֿינט די מזלות געצייכנט אין אַלטע סידורים[12] און מחזורים[13] און אויסגעאַרבעט אין מאָזאַיִק אין אַלטע בתּי־מדרשים[14], ווי בית־אַלפֿה[15] אין ישׂראל (פֿון 6טן יאָרהונדערט).

## טלה
TOLE - דער באַראַן
Bélier/Aries

## שור
shor - דער אָקס
Taureau/Taurus

## תּאומים
TOYMIM - די צווילינג
Gémeaux/Gemini

## סרטן
SARTN - דער ראַק
Cancer

## אַריה
ARYE - דער לייב
Lion/Leo

## בתולה
PSULE - די יונגפֿרוי
Vierge/Virgo




## מאָזנים
MOZNAIM - די וואָגשאָלן
Balance/Libra

## עקרבֿ
AKREV - דער סקאָרפּיאָן
Scorpion/Scorpio

## קשת
KASHES - דער פֿײַלן־שיסער
Sagittaire/Sagittarius

## גדי
GEDI - דער שטיינבאָק
Capricorne/Capricorn

## דלי
DELI - דער עמער
Verseau/Aquarius

## דגים
DOGIM - די פֿיש
Poissons/Pisces

▲ מאָזאַיִק פֿון אַ שיל פֿון 6טן יאָרהונדערט אין בית־אַלפֿה אין גליל

1. SEYFER YETSIRE Livre de la Création ; texte ancien de la mystique juive/Book of the Creation; ancient text of Jewish mysticism 2. KHADOSHIM mois/months *sing.* KHOYDESH חודש 3. OYSYES…ALEF-BEYS lettres de l'alphabet/letters of the alphabet 4. SHVOTIM tribus/tribes *sing.* SHEYVET שבֿט 5. AGODES légendes/legends 6. LEMOSHL par exemple/for example 7. représentent/represent 8. YANKEV…EYSEV Jacob et/and Esaü 9. AKEYDE le sacrifice d'Isaac (le bélier fut substitué à Isaac)/the sacrifice of Isaac (the ram was substituted for Isaac) 10. KHOYDESH TISHRE le mois de tishri (mois du Kippour)/the month of Tishri (month of Yom Kippur) 11. MISHPET jugement/judgment 12. SIDURIM recueils de prières de tous les jours/daily prayer books *sing.* SIDER סידור 13. MAKHZOYRIM recueil de prières pour les fêtes/holiday prayer book *sing.* MAKHZER מחזור 14. BOTE-MIDROSHIM synagogues *sing.* BESMEDRESH בית־מדרש 15. BEYS ALFA Beth Alfa.

1. אַז דער **פּוס** איז גוט איז **צאָל** גוט.
2. ווו וואַסער איז **געפֿאַלן**, דאָרט וועט עס ווײַטער **פֿוילן**.
3. פֿון **טישן** ווערט **שיטן**.
4. ווו מען דאַרף האָבן זאַלץ טויג ניט קיין **קורצע**.
5. אַ נאַר ווײַזט מען ניט קיין האַלבע **טאָרבע**.
6. אַ ווײַב און אַ פֿערד **גראָבט** מען ניט **קאַווע**.
7. איטלעכער ייִד האָט זיך זײַן **קעפּל**.
8. מיט אַ ייִדן איז גוט **קלוג** צו עסן – נאָר ניט פֿון איין טעלער.
9. אויף אַן אייגן **דיקן** זײַנען **טעלערן** בילדן.

1. SHIMENS… דער טיטל איז אַ בײַשפּיל פֿון אַן אַנאַגראַם 2. OYSYES lettres de l'alphabet/letters of the alphabet *sing.* OS אות 3. corriger/correct.

ענטפֿערס זײַט 8

# אַרום אַ וואָרט

# מזל[1]

**א**ויב ס'איז דאָ איין ייִדיש וואָרט וואָס אַלע תּלמידים קענען אײדער זיי הייבן אָן זיך צו לערנען די שפּראַך, איז עס דאָס וואָרט **מזל**. ווער ווייס ניט אַז ווען אַ קינד ווערט געבוירן אָדער אַ פֿרײַנד האָט חתונה[2] אָדער אַ סטודענט גייט אַדורך[3] אַ וויכטיקן עקזאַמען מעג מען זיי זאָגן **מזל־טובֿ**[4] !

אָבער אפֿשר[5] ווייסט איר ניט אַז דער ערשטער באַטײַט[6] פֿונעם וואָרט **מזל** איז אַ שטערן, אַ פּלאַנעט אָדער אַ קאָנסטעלאַציע. ווען מע ווינטשט עמעצן **מזל** ווינטשט מען אים אייגנטלעך[7] ער זאָל לעבן אונטער אַ גוטן שטערן.

די צוועלף צייכנס פֿון זאָדיאַק רופֿט מען מזלות[8] (וועגן דעם קענט איר לייענען זײַט 3).

אַ באַקאַנט ווערטל[9] וואָס שטייט אין דער גמרא[10] איז „**אין מזל לישׂראל**"[11], (ניטאָ קיין **מזל** פֿאַר ישׂראל). דאָס מיינט אַז דאָס פֿאָלק ישׂראל ווערט ניט אָפּגעהיט פֿון די שטערן נאָר פֿון גאָט אַליין. נאָר דאָס פֿאָלק (מיט איראָניע) האָט עס שטענדיק געטײַטשט : ייִדן האָבן נישט קיין מזל !

**מ**זל מיינט „גליק" און **טובֿ** איז דאָך „גוט", נאָר דעם אויסדרוק **מזל־טובֿ** קען מען זאָגן אויף ייִדיש ערשט[12] דעמאָלט ווען מע גראַטולירט אַ מענטשן נאָך אַ גליקלעך געשעעניש. אויב מע וויל ווינטשן עמעצן גליק זאָגט מען : „זאָל זײַן מיט **מזל**" אָדער „אין אַ **מזלדיקער** שעה"[13]. **מזל־ברכה**[14] מיינט בענטשונג, וווילטאָג[15], רײַכקייט. דאָס פֿאַרקערטע פֿון **מזל** איז **שלימזל**[16]. דער וואָס האָט נישט קיין **מזל** איז אַ **שלימזל** אָדער אַ **שלימזלניק**[17] (אַ מאַן) צי אַ **שלימזלניצע**[18] (אַ פֿרוי). דער **שלימזל** איז אַ באַקאַנטע פֿיגור אין ייִדישן פֿאָלקלאָר און הומאָר – פֿון איובֿ[19] ביז ווודי אַלען.

**א**ין ייִדיש זײַנען דאָ אַ סך שפּריכווערטער וועגן **מזל**. אָט האָט איר אַן אויסקלײַב :

- אַז דאָס **מזל** גייט קעלבט זיך דער אָקס[20].
- בעסער אַ לויט[21] **מזל** איידער אַ פֿונט[22] גאָלד.
- משנה מקום משנה **מזל**[23] – אַ מאָל צום גליק, אַ מאָל צום **שלימזל**.
- ווען דאָס **מזל** קומט, שטעל אים אַ שטול.
- **שלימזל**, ווּ גייסטו ? צום אָרעמאַן.
- אַ **שלימזל** פֿאַלט אויפֿן רוקן און צעקלאַפּט זיך די נאָז.
- אַ **שלימזל** וואַנדערט אויס[24] אַלע לענדער און קומט אַהיים אָן הויזן און העמדער.
- ווען אַ **שלימזל** קוילעט[25] אַ האָן – גייט ער ; דרייט ער אָן[26] אַ זייגער – שטייט ער.
- צום **שלימזל** דאַרף מען אויך האָבן **מזל**.

1. MAZL chance/luck 2. ...KHASENE se marie/gets married 3. réussit/passes 4. MAZL-TOV félicitations/congratulations 5. EFSHER peut-être/perhaps 6. signification/meaning 7. en fait/in fact 8. MAZOLES signes du zodiac/signs of the zodiak 9. dicton/saying 10. GEMORE Guémara, Talmud/Gemara, Talmud 11. EYN MAZL LEYISROEL 12. *ici* seulement/*here* only 13....MAZLDIKER sho 14. MAZL-BROKHE 15. aisance, confort/prosperity, comfort 16. SHLIMAZL 17. SHLIMEZALNIK 18. SHLIMEZALNITSE 19. IEV Job 20. le boeuf met bas/the ox calves 21. une demi-once/half an ounce 22. une livre/a pound 23. MESHANE MOKEM MESHANE MAZL qui change de lieu, change de chance/change of place, change of luck 24. parcourt/wanders over 25. égorge/slaughters 26. remonte/winds up.



## אַ בריוו אין רעדאַקציע

דעם דאָזיקן בריוו האָבן מיר באַקומען פֿון לאָנדאָן, פֿון מאיר[1] באָגדאַנסקי, אַ קאָמפּאָזיטאָר, מוזיקאָלאָג און קולטור־טוער. זײַנע פֿרײַנדלעכע גרוסן האָבן אונדז שטאַרק דערפֿרייט.

*חשובֿע[2] פֿרנד,*

*מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך דערהאַלטן[3] דעם נומער 2 (32) פֿון טעם־טעם, געווידמעט[4] איציק מאַנגערן. נאָכן איבערלייענען אים, פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער זט אנגעשלאָסן[5] , איז מיר אנגעפּאַ לן אך פֿאָרצושלאָגן אָפּצודרוקן (זאָ ל זן ווי אַ פּאָסט־סקריפּטום) דאָס פּאָ לגנדע לידזנס מיט דער פֿון מיר פֿאַרפֿאַסטער[6] מעלאָדיע. אמת[7], אַ קאַפּעטשקע[8] פֿאַרשפּעטיקט – אָבער אַ פֿאַרשפּעטיקטער צוג קומט דאָך אויך אָ ן צוזן סטאַנציע. אַגבֿ[9], ווען עס האַנדלט זיך אין מאַ נגערן, קענזן פֿאַרשפּעטיקט ?*

*וועט איר באַשליסן אַז פֿון דעם מעל[10] קען קיין ברויט נישט אַרויסקומען – וועל איך אך צו קיין דין־תּורה[11] נישט מטריחזן[12] און מן סענטימענט פֿאַ ר אך – דעם טעם־ טעם אנגעשלאָסן – וועט אויף אַ האָר[13] נישט פֿאַרמינערט[14] ווערן. און דער סענטימענט איז דווקא[15] שטאַרק.*

*הכּלל[16], זט אַלע געזונט און שטאַרק און אַ ברכה[17] אויף אערע הענט,*

*אער מאיר באָגדאַנסקי*



1. MEYER 2. KHOSHEVE honorés, *ici* : chers/honored, *here* : dear 3. געקראָגן 4. consacré à/devoted to 5. inclu/included 6. composé par moi/written by me 7. EMES c'est vrai/it's true 8. אַ ביסעלע 9. AGEV à propos/by the way 10. farine/flour 11. DIN TOYRE tribunal/court of law 12. MATRIEKH... *ici* : traîner/*here* : drag 13. d'un iota/in the slightest 14. diminué/diminished 15. DAFKE vraiment/really 16. HAKLAL en somme/in short 17. BROKHE bénédiction/blessing.



מאיר באָגדאַנסקי האָט
אַרויסגעגעבן דרײַ
„לידער־אַנטאָלאָגיעס״
אין לאָנדאָן אין לעצטע
צען יאָר – מוזיק וואָס ער
האָט אָנגעשריבן צו לידער
פֿון ייִדישע פּאָעטן.
דאָ דרוקן מיר די מעלאָדיע
וואָס ער האָט אָנגעשריבן
צו „דאָס ליד פֿון ציגעלע״
פֿון איציק מאַנגער.

**◀ דערקלערונגען צו לייענען די פּאַרטיטור : די נאָטן לייענען זיך פֿון לינקס צו רעכטס, אַפֿילו בײַ ייִדן ! דעם טעקסט פֿונעם ליד האָט מאיר באָגדאַנסקי אויך געשריבן פֿון לינקס צו רעכטס, מע זאָל קענען זינגען דאָס ליד מיט דער מעלאָדיע.**

# דאָס ליד פֿונעם ציגעלע

איציק מאַנגער

דער טאַטע האָט געקויפֿט אַ ציגעלע
מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אין „חד גדיא״[1] עס פֿאַרשפּאַרט,[2]
געבונדן אויף אַ שטריק.

איז טרויעריק דאָס ווײַסע ציגעלע
ווינד איז אים און וויי[3] –
זומער זעט עס נישט קיין גראָז
און ווינטער – נישט קיין שניי.

זאָגט מײַן ברודער : „איציק הער,
ווי אַזוי דערלאָזט עס גאָט
צי איז אים נישט דאָס ציגעלע
דאָס ווײַסינקע אַ שאָד[4] ?״

זאָג איך : „נאָטל, ביסט גערעכט
און נישט לאַנג געטראַכט –
ס'איז געווען ווי זעלטן ווען,[5]
אַ שיינע ווענסע[6]־נאַכט.

דער טאַטע שלאָפֿט, די מאַמע שלאָפֿט
ס'שלאָפֿט דאָס גאַנצע הויז,
פֿירן מיר פֿונעם „חד גדיא״
דאָס ציגעלע אַרויס.

מיר פֿירן בײַ די הערנער[7] עס,
די וועלט איז ווײַט און גרויס,
און ווו מיר לאָזן עס אַליין,
דאָס זאָגן מיר נישט אויס.

פּסח[8] די ערשטע סדר[9]־נאַכט,
דאָס ציגעלע איז נישטאָ, –
פֿרעגט דער טאַטע : איציק דו ?
זאָג איך „אַבערוואָ״.[10]

פֿרעגט דער טאַטע : נאָטל, דו ?
זאָגט ער : „וואָס און ווען ?
זינט פֿאַראַיאָרן[11] פּסח־צײַט
דאָס ציגעלע נישט געזען !״

דער טאַטע מיינט[12], די מאַמע ווײנט,
און קיינער ווייסט נישט וואָס –
זינגט מען דעם „חד גדיא״ אָפּ,
איז דאָס שוין נישט דאָס...

טאָ ווו זשע איז דאָס ציגעלע ?
ס'שפּרינגט אַרום אין פֿעלד
און האָט הנאה[13] פֿון דער זון
און פֿון דער גאַנצער וועלט.





1. KHAD GADYE *littéralt.* “un chevreau” ; nom d’une chanson traditionnelle de Pâque ; également mot argotique pour prison/*literally* “one kid” ; name of a traditional Passover song; also, slang word for prison 2. enfermé/locked up 3. hélas pour lui !/woe is him ! 4. ça ne lui fait pas de peine ?/doesn’t he feel sorry for it? 5. comme si rarement/as so rarely 6. פֿרילינג 7. cornes/horns *sing.* האָרן 8. PEYSEKH Pâque/Passover 9. SEYDER seder 10. pas du tout/not at all 11. l’année dernière/last year 12. réfléchit/thinks it over 13. HANOE plaisir/pleasure.

דער קליינער פֿאָרווערטס

אַן אויסקלײַב פֿון אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס פֿון יוני 2002

# אַ געבענטשטע וואָך פֿאַר דער ייִדיש־בינע אין מערבֿ[1]־אייראָפּע

## וועלט־פּרעמיערע פֿון צייטלינס „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“ אויף ייִדיש

יצחק ניבאָרסקי

פֿון אַלע קונסטגעוויקסן[2] וואָס גייען אויף[3] אויפֿן פֿעלד פֿון אַ שפּראַך, איז טעאַטער מסתּמא[4] דאָס, וואָס קומט אויף צום שווערסטן און פֿאַרגייט צום גרינגסטן. אַ פּאָעט מוז נישט דווקא[5] זיך לערנען די מלאָכה[6] בײַ לעבעדיקע דיכטער. [...] דאָס אייגענע אַ פּראָזאַיִקער. אַקטיאָרן אָבער האָדעווען זיך אויס[7] אין טעאַטער גופֿא[8]. דאָרטן ווו די גאָלדענע טראַדיציע פֿון דער ייִדישער בינע האָט זיך איין מאָל איבערגעריסן, איז שוין זייער שווער צוריק זי צו פֿאַרקניפּן[9], בפֿרט[10] בײַ דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין אַלע תּחומים[11]. דעריבער דאַרף מען אַזש[12] מאַכן אַ שהחיינו[13] ווען אין אַ שטאָט ווי לאָנדאָן – וווּ ייִדיש טעאַטער האָט אַ מאָל געבליט, אָבער איז שוין לאַנג אַזוי גוט ווי פֿאַרשוווּנדן – ווערט געשטעלט אַן אמתע פֿולע פּיעסע פֿון ערנסטן ייִדישן טעאַטער : „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“, פֿון אַהרן[14] צייטלין (1898-1973). די נשמה[15] פֿונעם אויפֿטו איז חיהלע ביר[16], ייִדיש־פּראָפֿעסאָרין אין לאָנדאָנער יוניווערסיטי־קאָלעדזש. דאָס האָט זי לעצטן זמן[17] געלייענט די דאָזיקע פּיעסע מיט אירע סטודענטן. די זעלטענע טעאַטער־שפּיל האָט זיי אַזוי פֿאַרכאַפּט[18], אַז גאָר גיך האָבן זיי באַשלאָסן אַליין זי אויפֿצופֿירן. חיהלע ביר האָט אָנגעשטעקט מיט איר ענטוזיאַזם נישט נאָר די תּלמידים אירע, נאָר אויך עטלעכע אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון איר אוניווערסיטעט. זי האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט אָנגעזעענע ספּעקטאַקל־פֿיגורן, ווי דוד שנײַדער – אַ יונגער ייִדיש־רעדנדיקער גוט־באַקאַנטער רעזשיסאָר פֿון דער ענגלישער בינע – און די ברידער ליבֿנת[19], באַליבטע יונגע מוזיקערס פֿון תּל־אָבֿיבֿ, וועלכע האָבן געשאַפֿן און אויסגעפֿירט מוזיק פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג. [...]



▲ אַ סצענע פֿון „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“

צייטלינס „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן אָדער מעשׂה־בראשית[20], אַ גראָטעסק־שפּיל אין פֿיר אַקטן“, געשריבן אין 1930, איז געדרוקט געוואָרן אין זאַמלבוך „אַ מאָל אין אַ יובֿל[21]“ נומער 2 (וואַרשע־ווילנע 1931). דאָס איז כמעט זײַן איינציקע טעאַטער־זאַך וואָס איז נישט אַרײַנגענומען געוואָרן אין די צוויי בענד „געזאַמלטע דראַמעס“ (תּל־אָבֿיבֿ 1974 און 1980), דערשינענע, וואָס אַן אמת, שוין נאָך דעם מחברס[22] טויט, אָבער (אַזוי מעג מען זיך משער זײַן[23]) לויט זײַן ווונטש און אָנווײַזונגען. [...] ווען „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“ איז דערשינען האָט די קריטיק אין פּוילן פֿאַרשריגן די פּיעסע ווי אַן אויסדרוק פֿון פֿינצטערן פּעסימיזם. צייטלין האָט זיך געווערט קעגן יענע באַשולדיקונגען, אָבער מע מעג אָננעמען אַז זיי האָבן אויף אים געווירקט, ווײַל ער האָט קיין מאָל זיך נישט באַמיט מע זאָל דאָס ווערק שפּילן אָדער איבערדרוקן. דאָס איז אָבער אַ שאָד, ווײַל אין דער פּיעסע שטעקט אַ טיפֿער אַרײַנקלער אינעם מהות[24] פֿון מאָדערנעם ייִד. די געשטאַלט דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן איז אַ סימבאָל, נישט פֿון איין סאָרט ייִד אין קאָנטראַסט מיט אַנדערע סאָרטן, נאָר פֿון דעם גאַנצן הײַנטצײַטיקן ייִדן. זײַן ליבע צו דער מאָדערנער וועלט – דאָס איז די זינגערין לוסי – איז אַן עכטע, אָבער אַ ניכטערע[25] : ער איז אַ מבֿין[26] אויף איר פֿאַלשקייט, אויף איר לײַכטזיניקייט און בלינדער פֿאַרשקלאַפֿונג צו די תּאוות[27] פֿון סעקס און רציחה[28]. דאָס איז אָבער פֿאָרט[29] זײַן אייגענע וועלט, און ער וואָלט זי געוואָלט פֿאַרהיטן פֿון דעפֿיניטיווער אַליין־צעשטערונג. דער ייִד קען אויך נישט צוזאַמענלעבן מיטן אידעאָלאָגישן אָנשטעל[30] פֿון די סיסטעם־ביוראָקראַטן, די סריסישע[31], דעקלאַמאַטאָרישע און נאָכמאַכערישע מלאכים[32], וואָס אונטער דער מאַסקע פֿון עפּעס אַ היסטאָרישער געזעצמעסיקייט[33] בענטשן זיי דאָס הפֿקרות[34]. ווי בײַ אַ טיפּישן מגיד[35], ווערט אין דער פּיעסע אַ קאָמפּליצירטער מיסטישער באַנעם[36]

[סוף זײַט 8]

1. MAYREV de l’ouest/Western 2. pousses artistiques/artistic sprouts, burgeons 3. poussent/grow, spring up 4. MISTOME probablement/probably 5. DAFKE *ici* : forcément/*here* : necessarily 6. MELOKHE métier/profession 7. arrivent à maturité/mature 8. GUFE lui-même/itself 9. renouer/tie, connect 10. BIFRAT spécialement/particularly 11. TKHUMIM domaines/fields 12. à tel point/go so far as to 13. … SHEKHEYONU faire la bénédiction à l’occasion d’un événement heureux/say a blessing over a happy occurrence 14. ARN 15. NESHOME âme/soul 16. KHAYELE … Helen Beer 17. ZMAN semestre/semester 18. captivé/captivated 19. LIVNAT 20. MAYSE-BREYSHIS genèse/genesis 21. … YOYVL *expr.* pour une fois/*expr.* once in a lifetime 22. MEKHABERS de l’auteur/the author’s 23. MESHAER … supposer/suppose, presume 24. MEHUS essence, nature 25. lucide/sober 26. … MEYVN *ici* : il voit bien/*here*: he realizes 27. TAYVES passions 28. RETSIKHE férocité/violence 29. quand même/nevertheless, still 30. faux-semblant/pretense 31. SRISISHE asexués/asexual 32. MALOKHIM anges/angels 33. déterminisme historique/historical determinism 34. HEFKEYRES dévergondage/licentiousness, shamelessness 35. MAGID prédicateur/preacher 36. conception

# קינדער־טאָגביכער[1] פֿון דער חורבן־תּקופֿה[2]

## פֿון מיכאל קרוטיקאָוו (אָקספֿאָרד)

## אייראָפּעיִשער ביוראָ פֿון דעם ייִדישן פֿאָרווערטס

מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָט דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט און איבערזעצער פֿון ייִדיש, מאיר לעווין[3], פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם אַמעריקאַנער עולם[4] דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק אין דער ענגלישער איבערזעצונג. אין זיין רעצענזיע[5] אין „ניו־יאָרק־טיימס“ האָט לעווין דערקלערט, אַז דאָס פּריוואַטע טאָגבוך פֿון אַ ייִדיש אומגעקומען[6] מיידל איז אַ דאָקומענט פֿון אַן אוניווערסאַלן באַטײַט. די טראַגישע געשטאַלט פֿון אַנאַ פֿראַנק האָט זיך פֿאַרוואַנדלט[7] אין דעם סימבאָל פֿון האָפֿענונג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. [...]

אַנאַ פֿראַנקס טאָגבוך איז ווײַט ניט דער איינציקער דאָקומענט פֿון אַזאַ מין[8], וואָס איז ניצול געוואָרן[9] פֿון דעם חורבן־גיהנום[10]. די אַמעריקאַנער פֿאָרשערין אַלעקסאַנדראַ זאַפּרודער האָט לעצטנס פֿאַרעפֿענטלעכט[11] פֿערצן חורבן־טאָגביכער פֿון קינדער, וועלכע האָבן געלעבט אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון אייראָפּע, אָנגעשריבן אין פֿאַרשידענע שפּראַכן. [...] דאָס בוך „געראַטעוועטע זײַטן“[12] (יעיל יוניווערסיטי פּרעס, 2002) איז אַ פֿרוכט פֿון איר צען־יאָריקער פֿאָרשערישער אַרבעט. אַלעקסאַנדראַ זאַפּרודער אַנטפּלעקט[13] פֿאַר דעם לייענער אַ נײַעם מין היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס דאָס רובֿ[14] פֿון זיי איז קיינעם ניט באַקאַנט געווען.

אין איר הקדמה[15] דערקלערט זאַפּרודער, אַז איר צוגאַנג צו די חורבן־טאָגביכער איז אַנדערש פֿון מאיר לעווינס אינטערפּרעטאַציע פֿון אַנאַ פֿראַנקס טאָגבוך. זי לייענט די דאָזיקע דאָקומענטן ווי מענטשלעכע גבֿית־עדות[16] און ניט ווי סימבאָלישע דענקמעלער[17]. לעווינס אָפּטימיסטיש־הומאַניסטישער קוק האָט אָפּגעשפּיגלט די אַטמאָספֿער פֿון די פֿופֿציקער יאָרן, ווען מען האָט געוואָלט איבערקומען וואָס גיכער די שווערע מלחמה[18]־יאָרן און אָנהייבן אַ נײַ לעבן. דעמאָלט האָט דער מאַסן־לייענער[19] זיך גענייטיקט אין טרייסט און האָפֿענונג. דאָס טאָגבוך פֿון אַ ייִדיש מיידל פֿון אַמסטערדאַם האָט געהאָלפֿן צו פֿאַרהיטן דעם גלויבן אין דעם גוטן מהות[20] פֿון מענטשן, ניט געקוקט אויף דער שרעק פֿון דעם נעכטן. הײַנט קוקן מיר אויף דעם מער ניכטער[21] און אָביעקטיוו. ווען מען לייענט די טאָגביכער אין זאַפּרודערס זאַמלונג, פֿאַרשטייט מען, ווי פֿאַרשידנאַרטיק און קאָמפּליצירט איז געווען דאָס לעבן פֿון די יונגע מחברים[22]. זיי זענען געווען בחורים[23] און מיידלעך, בשׂר־ודם[24], צו מאָל ראָמאַנטיש, צו מאָל וואָכעדיק, אָפֿט מאָל עגאָיִסטיש און אַפֿילו גדלותדיק[25]. דער שאָק, וואָס מען באַקומט פֿון דער דאָזיקער לעקטור, קומט פֿון דעם קאָנטראַסט צווישן דער גרויער ווירקלעכקייט פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע און דער אויסערמענטשלעכער טראַגעדיע פֿון דעם חורבן, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אַרום.

דער אויסקלײַב פֿון טעקסטן ווײַזט דעם ברייטן דיאַפּאַזאָן פֿון פּערזענלעכקייטן, סאָציאַלע סבֿיבֿות[26] און קולטורעלע הינטערגרונטן פֿון די יונגע מחברים. איין טאָגבוך געהערט צו אַ פֿרומען ייִדן, אַן אַנדער צו אַ יונגן קאָמוניסט, אַ דריטער – גאָר צו אַ קאַטוילישן קריסט פֿון ייִדישן אָפּשטאַם. ניט אַלע נעמען זײַנען באַקאַנט. איינער פֿון די שאַרפֿסטע און רירנדיקסטע דאָקומענטן איז דאָס טאָגבוך פֿון אַן אַנאָנימען יונגן מאַן פֿון לאָדזשער געטאָ, וואָס איז אָנגעשריבן אויף פֿיר שפּראַכן – ייִדיש, עבֿרית[27], פּויליש און ענגליש. [...] זאַפּרודער דערמאָנט אין איר אַרײַנפֿיר, אַז סך־הכּל[28] זײַנען צו אונדז דערגאַנגען מער ווי 55 טאָגביכער פֿון דער חורבן־תּקופֿה, און צום סוף פֿון איר בוך ברענגט זי אַן אַנאָטירטע רשימה[29]. [...]

ניט אַלע טאָגביכער זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער דײַטשיש־אָקופּירטער אייראָפּע. למשל[30], לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב האָט געהאַט מזל[31] צו פֿאַרלאָזן

[סוף זײַט 8]




▲ אַן איבערזעצונג אויף ענגליש וועט דערשײַנען אין ניו־יאָרק אין סעפּטעמבער 2002 אונטערן טיטל Girl with two landscapes. מע קען עס באַשטעלן אויפֿן אַדרעס : www.holmesandmeier.com

1. journaux intimes d’enfants/children’s diaries 2. KHURBM-TKUFE période de la Shoah/Shoah period 3. MEYER … Meyer Levin 4. OYLEM public 5. critique/review 6. assassinée/killed 7. transformé/transformed 8. sorte/kind 9. NITSL … sauvé/rescued 10. KHURBM-GENEM l’enfer de la Shoah/Shoah inferno 11. publié/published 12. Alexandra Zapruder «Salvaged pages : young writer’s Diaries of the Holocaust», YUP, 2002 13. révèle/reveal 14. … ROV la plupart/most 15. HAKDOME introduction 16. GVIES-EYDES témoignages/testimonies 17. monuments *sing.* דענקמאָל 18. MILKHOME guerre/war 19. grand public/general public 20. MEHUS essence 21. sobrement/soberly 22. MEKHABRIM auteurs/authors 23. BOKHERIM garçons/boys 24. BOSER-VEDOM en chair et en os/flesh and blood 25. GADLESDIK arrogant, vaniteux/conceited, vain 26. SVIVES milieux/groups 27. IVRIT hébreu moderne/modern Hebrew 28. SAKHAKL en tout/in all 29. RESHIME liste/list 30. LEMOSHL par exemple/for example 31. MAZL chance/the good luck

[סוף פֿון זײַט 6]

אָנגעטאָן אינעם לבֿוש[37] פֿון אַ משל[38] מיט אַ סוחר[39], און די טעמעס פֿון אמונה[40] און מאָראַלישן באַוווּסטזײַן באַקליידן זיך ממילא[41] אין די טערמינען פֿון דער פֿינאַנצן־וועלט : קרעדיט, מיסברויך מיטן געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרמעגן[42], באַנקראָט. דער העלד דזשייקאָבסאָן, מיט זײַן עם־הארצות[43], זײַנע ווײַטע חדר[44]־רעמיניסצענצן און הומאָרפֿולן אַמעריקאַניזירטן ייִדיש, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גאוניש[45] צוגעטראָפֿענע פֿאַרגופֿונג[46] פֿונעם מאָדערנעם ייִדן, אין וועמען צייטלין וויל זען אַן אינסטינקטיוון פֿאַרהיטער פֿון עיקרדיקע ווערטן[47].

די פּיעסע, וואָס דויערט בערך[48] דרײַ שעה, איז געשפּילט געוואָרן צוויי מאָל, דעם 18טן און 19טן יוני, אינעם בלומזבערי־טעאַטער[49] פֿונעם לאָנדאָנער יוניווערסיטי־קאָלעדזש. עס האָבן באַזוכט ביידע פֿאָרשטעלונגען בסך־הכּל[50] איבער 500 אירע[51]. צווישן די אַקטיאָרן וואָס האָבן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט[52] אויסגעפֿירט די שווערע טירחה[53], האָבן זיך אויסגעצייכנט : הערשל גראַנט (אין דער טיטל־ראָלע), אַדאַ ראַפּאָפּאָרט־אַלבערט (לוסי דזשייקאָבסאָן) און מיכאל[54] יאָזעפֿס (דער וואַסערהאַר), ווי אויך חיקע־ברוריה[55] וויגאַנד, פֿראַנק טשערסקי און באַרי דייוויס, וועלכע האָבן געשפּילט צו צוויי און אַפֿילו דרײַ ראָלעס יעדערער. די טרופּע באַשטייט טאַקע פֿון אַמאַטאָרן, מערסטנס – אַמאַטאָרן־אָנהייבערס. ווי אַזאַ, לײַדט זי פֿון פֿאַרשיידענע שוואַכקייטן. דער אונטערנעם[56] איז אָבער פֿאָרט אַ גוואַלדיקער און די דערגרייכונג – מער ווי אַ בכּבֿודיקע[57]. זי דערוועקט אַ האָפֿענונג, אַז אפֿשר האָט ענדלעך געשלאָגן די שעה פֿאַר אַן אויפֿלעב פֿון דער ייִדישער סצענע אין מערבֿ־אייראָפּע.

## דזשיגאַן און שומאַכער לעבן אויף אין פּאַריז

דער דזשיגאַן־שומאַכער־ספּעקטאַקל וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין פּאַריז זונטיק דעם 16טן יוני, אין די ראַמען פֿונעם ייִדיש־יום־טובֿ פֿון די „פֿרײַנד פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער“, פֿאַרשטאַרקט די זעלביקע האָפֿענונג, כאָטש דער אויפֿטו איז דאָ גאָר פֿון אַן אַנדער סאָרט. פֿיר ליבהאָבערס – מאָטל ראָזענבוש, שאַרל גאָלדשלאַגער, יאַנקל בערלינער און קאַרען ווערב – האָבן דערקוויקט[58] אַ גרויסן עולם[59] אָפּשפּילנדיק עטלעכע פֿון די פּאָפּולערסטע סקעטשן פֿונעם לעגענדאַרן קאָמיקערס־פּאָרל. די אַקטיאָרן, באַזונדערס די דרײַ ערשטע, זײַנען מיטליעריקע[60] מענטשן וואָס פֿאַרמאָגן אַ נאַטירלעך עכטן פּוילישן ייִדיש. אויב אין לאָנדאָן האָבן מיר זיך געפֿרייט מיט אַ טיפֿזיניקער פֿאַרגעסענער שאַפֿונג, וואָס איר האַרבע עבֿרי[61] איז אַ שווערער פֿאַרמעסט[62] סײַ פֿאַר די אַקטיאָרן, סײַ[63] פֿאַרן פּובליקום, האָבן מיר אין פּאַריז זיך מחיה געווען[64] מיטן פּשוטן[65] פֿאָלקישן הומאָר, מיטן באַטעמטן לשון[66] און מיט דעם ווילדיונגערישן[67] טאָן פֿון די אויפֿגעלעבטע דזשיגאַן־סצענקעס, וואָס האָבן אויף אַ מינוט ייִנגער געמאַכט די עלטערע און עלטער געמאַכט די ייִנגערע מיט גוטע פֿופֿציק יאָר.

37. LEVUSh forme/garb 38. MOShL parabole, fable/parable 39. SOYKhER marchand/merchant 40. EMUNE foi/faith 41. MEMEYLE par conséquent/automatically, perforce 42. abus de biens sociaux/fraud involving company assets 43. AMERATSES ignorance 44. KhEYDER heder, école juive traditionnelle/heder, traditional Jewish religious school 45. GEOYNISh de façon géniale/ingeniously 46. incarnation/personification 47. IKERDIKE … vertus principales/fundamental values 48. BEEREKh à peu près/about, approximately 49. Bloomsbury Theatre 50. BESAKhAKL en tout/in all 51. personnes/persons 52. dévouement/dévotion 53. TIRKhE effort/pains 54. MIKhOEL 55. KhAYKE BRURYE 56. entreprise/undertaking 57. BEKOVEDIKE honorable 58. réjoui/delighted 59. OYLEM public 60. d'âge moyen/middle-aged 61. … IVRE langage abscons/obscure, hard to fathom language 62. défi/challenge 63. tantôt … tantôt/both … and 64. MEKhAYE … nous avons pris plaisir/we were delighted 65. POShETN simple 66. BATAMTN LOShN langue savoureuse/savory language 67. effronté/insolent, irreverent.



[סוף פֿון זײַט 6]

ביאַליסטאָק פֿאַר דער דײַטשישער אָקופּאַציע. איר טאָגבוך, וואָס איז אַרויס אין 1999 אין פּאַריז, דערציילט וועגן איר לעבן אין רוסלאַנד – צו ערשט, אין אַ קינדערהיים אין אודמורטיע, לעבן די אוראַל־בערג, און דערנאָך אין מאָסקווע. זי האָט פֿאַרפֿיקסירט דאָס טעגלעכע לעבן פֿון דעם געמישטן רוסיש־פּויליש־ייִדישן קאָלעקטיוו פֿון דער קינדערהיים, ווי אויך אירע געפֿילן און געדאַנקען, האָפֿענונגען און אַנגסטן. [...] ווי יצחק[32] ניבאָרסקי מערקט אָפּ אין זײַן הקדמה, קאָן דער לייענער אין דעם דאָזיקן בוך געפֿינען אי[33] אינטימע מחשבֿות[34], אי קינסטלערישע באַשרײַבונגען, אי כראָניק פֿון די מלחמה־יאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. לענאַס פּערזענלעכקייט מאַכט דורך טיפֿע ענדערונגען, אָבער דער קולטורעל־מאָראַלישער יסוד[35], וואָס איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין דער ביאַליסטאָקער ייִדישער גימנאַזיע, בלײַבט אומבאַרירט. [...]

די טאָגביכער פֿון ייִדישער יוגנט פֿון דער חורבן־תּקופֿה שטעלן מיט זיך פֿאָר ניט נאָר אַ וויכטיקן צײַט־דאָקומענט און ברענגען אַ סימבאָלישע טרייסט פֿאַר דער מענטשהייט, נאָר זיי זײַנען אויך דער שענסטער דענקמאָל פֿאַר דער ייִדישער קולטור און דערציִונג אין מיזרח[36]־אייראָפּע, וואָס איז איצט, צום באַדויערן, פֿאַרבליבן בלויז אין אונדזער היסטאָרישן זכּרון[37].

32. YITSKhOK 33. אי … אי aussi bien … que …/as well as 34. MAKhShOVES pensées/thoughts 35. YESOD fondement/foundation 36. MIZREKh est/east 37. ZIKORN mémoire/memory.

## ענטפֿערס אויף דער אַנאַגראַם־שפּיל

1. אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט.
2. ווו וואַסער איז געלאָפֿן, דאָרט וועט עס ווײַטער לויפֿן.
3. פֿון נישט ווערט נישט.
4. ווו מען דאַרף האָבן זאַלץ טויג ניט קיין צוקער.
5. אַ נאַר ווײַזט מען ניט קיין האַלבע אַרבעט.
6. אַ ווײַב און אַ פֿערד באָרגט מען ניט אַוועק.
7. איטלעכער ייִד האָט זיך זײַן פּעקל.
8. מיט אַ ייִדן איז גוט קוגל צו עסן – נאָר ניט פֿון איין טעלער.
9. אויף אַן אייגן קינד זײַנען עלטערן בלינד.


דער ייִדישער

טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער *ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



AEDCY

Der Yidisher Tamtam

B.P. 3256

75122 Paris CEDEX 03

Tél. : 01 42 71 30 07

מעדעם־ביבליאָטעק

Bibliothèque Medem

52, rue René-Boulanger

75010 Paris

Tél. : 01 48 03 20 17

medem@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com